2476

הוצאת „מזרחי" ורשה.

נחלת אבות

אָבטײַלונג
בײַ דער ציוניסטיש-אָרטאָדאָקסישע פֿעדעראַציאָן „מזרחי"
אין פוילין.

פעראיין
צו פערשפרייטען דעם ישוב און קאלאניזאציע
אין ארץ ישראל נאך דער מלחמה.

421

ווארשא. תרע"ח.

דרוק. „בר. לעווין-עפשטיין, פאוויע 38.

נחלת אבות.

אויפ'ן שוים פון „חבת-ציון" איז מיט 20 יאָהר צוריק געבוירען געוואָרען דאָס לעבעדיגע ריזען-קינד — דער „ציוניזם". „חבת ישוב ארץ-ישראל" (די ליעבע צו בעזעצען זיך אין ארץ-ישראל) אָדער, ווי מען האָט עס גערופען אָבגע-קירצט, „חבת ציון" (די ליעבע צו ציון) צעהלט, אייגענטליך, איהר עקזיסטעניץ מעהר ווי 50 יאָהר, נאָך פון דער צייט, ווען הרב הגאון ר' צבי-הירש קאלישער און הרב הצדיק ר' אלי' (גוטמאַכער) גריידיצער זצ"ל האָבען שטאַרק געאַרבייט פאַר דעם צוועק, מיר קאָנען זאָגען, אַז זיי זענען געוועזען כמעט די ערשטע, וואָס האָבען מעורר געווען צום הייליגען רעיון. נאָך זיי זענען געקומען אַנדערע גאונים און גדולי-ארץ, וועלכע האָבען אויך פערשטאַנען די וויכטיגקייט פון דעם רעיון. זיי האָבען איהם גרויס געמאַכט אין די אויגען פון פאָלק און געזעהן ווירקען, וואָס מעהר יודען זאָלען זיך בע-זעצען אין ארץ-ישראל.

צווישען די גאונים און גדולים וועֶרען אויך גערעכענט די שרי התורה, ווי הרב הגאון ר' נפתלי יהודה צבי בערלין (הנצי"ב) מוואָלאָזשין, הרב הגאון ר' יהושע מקוטנא,

הרב הגאון „בעל נפש חי" פון קאליש, הרב הגאון ר' מרדכי עליאשבערג פון בויסק, הרב הגאון ר' שמואל מאהילעווער פון ביאליסטאָק און הרב הגאון ר' יצחק יעקב ריינעס פון לידא זצ"ל; די דאָזיגע גאונים האָבען פערשטאַנען, אַז כל-זמן די יודען וועלען זיין אין גלות, קאָנען זיי בשום אופן נישט זיין קיין שומרי תורה ומצוות; זיי האָבען פערשטאַנען, אַז נור אין'ם לאַנד, וואָס „גאָט'ס אויג איז אויף איהם פון אָנהויב ביז'ן סוף יאָהר", אַז נור אין'ם לאַנד, וואָס גאָט האָט „געשוואוירען אונזערע אָבות, אונז עס צו געבען", אַז נור אין אָט דעם לאַנד קאָנען מיר מקיים זיין די גאַנצע תורה, ווי זי איז אונז געגעבען געוואָרען. ווי אַ געטליכער געדאַנק וואָלט זיי בעהערשט, האָבען זיי מיט זייער קלאָרען פערשטאַנד געזעהן, אַז עס דערנעהנטערט זיך די שעה; זיי האָבען געזעהן, אַז עס קומט-אָן די צייט, ווען יודען דאַרפען זיך אומקעהרען צוריק אין זייער לאַנד.

און אַזוי האָט זיך פערשפרייט דער גרויסער, הייליגער רעיון „שיבת עם ישראל לארץ ישראל" (דער צוריקקעהר פון פאָלק ישראל קיין ארץ-ישראל) צווישען אונזערע פרומע ברידער, אַנ'ערך 30 יאָהר, דאָס הייסט ביז פאַר 20 יאָהר, ווען עס איז געקומען ד"ר הערצל ז"ל, דער בעשעפער פון ציוניזם. דער גרויסער מענש מיט זיין קלאָרען פערשטאַנד, מיט זיין וויַיטען בליק און מיט זיין ברייט האַרץ האָט זיך נישט בענוגענט בלויז דערמיט, וואָס דער גרויסער געדאַנק לעבט צווישען אַ טייל פון אונזערע ברידער. ער האָט פערשטאַנען איהם אַרויסצוטראָגען פון אונזער אייגען קרייז אין דער גרויסער וועלט אַריין און האָט פערשטאַנען איהם צו מאַכען פאַר אַ געדאַנק פון גאַנצען יודישען פאָלק, מיט

זײַן גרויסען אויפרוף: דער ציוניזם שטרעבט צו שאפען פאר יודען אַנ׳ערקענטליך-רעכטליך-געזיכערטע היים אין ארץ-ישראל האט ער גרויסעס אויפגעטהון. ער האט זיך פאר מלכים געשטעלט, מיט פירשטען גערעדט, מלוכה-לײַט האט ער מיט זײַן אידעע פעראינטערעסירט; ער האט געשאפען דעם קאנגרעס, האט אײַנגעפיהרט דעם שקל, האט גע-גרינדעט די נאציאנאל-באנק און נאציאנאל-פאנד, ביז אונטער זײַן פאהן האבען זיך פעראײַניגט אַלע שיכטען פון פאלק. און אַזוי ווי דאס יודישע פאלק בכלל, אַזוי האט אויך דער ציוניזם פעראײַניגט אין זיך אַלע שטרעמונגען, וואס גע-פינען זיך צווישען יודען. פרומע און נישט-פרומע, אַזעלכע, וואס זענען מדקדק אין דער קלענסטער מצוה, און אַזעלכע, וואס זענען נישט מדקדק במצוות – אַלע זענען צוגעשטאַנען צום ציוניזם. צום ציוניזם זענען צוגעשטאַנען רבנים גדולי התורה והיראה, צום ציוניזם זענען אויך צוגעשטאַנען דאקטוירים, אינזשענערען און אַדוואקאַטען. דער ציוניזם, אַלס אַנ׳אמת׳ע פאלקס-בעוועגונג, האט נישט גע-קאַנט און נישט געטאָרט אָנערקענען אײַן שטרעמונג מעהר פאַר דער צווייטער. אַלע זענען איהם געווען ליעב און טײַער, און בפרט – „ישראל אף על פי שחטא, ישראל הוא״.

אַזוי איז געוואַקסען און אַזוי האט זיך ענטוויקעלט דער ציוניזם, פעראײַניגענדיג דאס גאַנצע יודישע פאלק, אַנ׳ערך 5 יאָהר, ביז עס איז דערוועקט געוואָרען בײַ אײַניגע רבנים און פרומע יודען, צווישען זײַ אויך הרב הגאון ר׳ יצחק יעקב ריינעס זצ״ל פון לידא, – צי ווײַל זײַ האבען נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט געהן האַנד-בײַ-האַנד מיט נישט-פרומע – דער געדאַנק צו גרינדען אַ פראַקציע אין ציוניזם מיט׳ן נאָמען:

„מזרחי“, ד. ה., זיי זענען פערבליבען אין דער אַלוועלט-ליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זענען איהר געבליבען טריי און איבערגעגעבען מיט׳ן גאַנצען האַרצען און מיט דער גאַנצער נשמה, האָבען אויסגעפיהרט אַלע ציוניסטישע אַרבייט מיט טרייהייט און ליעבע, זענען געפאָהרען אויף די קאָנגרעסען, האָבען געצאָהלט דעם שקל, פערגרעסערט די געלדער פון נאַציאָנאַל-באַנק און נאַציאָנאַל-פאָנד, האָבען אויך גלייכצייטיג געאַרבייט, כדי משפיע צו זיין אויפ׳ן ציוניזם מרוח התורה והדת, נאָר אין זייערע שטעדט האָבען זיי נישט געאַרבייט אינאיינעם מיט די אַלגעמיינע ציוניסטען. די נייע ציוניסטישע פראַקציע „מזרחי“ האָט זיך גוט ענטוויקעלט צווישען אונזערע פרומע ברידער אין ליטא, רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך-אונגאַרן, ענגלאַנד און אַמעריקא, און פיעל פונ׳ם פרומען קלאַס, וואָס זענען ביז איצט געשטאַנען ווייט פונ׳ם ציוניזם, זענען, מיט דער גרינדונג פון „מזרחי“, צוגעשטאַנען צו איהם מיט זייער גאַנצער נשמה. אַזוי האָט זיך ענטוויקעלט דער אַלגעמיינער און דער פרומער ציוניזם. דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט פעראייניגט אין זיך יעדען, וואָס טראָגט נור אויף זיך דעם נאָמען יוד, ד. ה., דער, וואָס איז מודה אין קיום היהדות, און דער „מזרחי“ האָט געאַרבייט נור צווישען פרומע.

אַ וואונדער איז בלויז געווען, וואָס אין פוילען זענען די יודען געשטאַנען פון דערווייטענס פון דער בעוועגונג, פון דעם רעיון: ווידער-אויפלעבונג פון אונזער פאָלק אין זיין אייגען לאַנד. עס זענען געשטאַנען פון דערווייטענס סיי די פרומע, סיי די פרייע. זיי זענען גע-שטאַנען פון דערווייטענס צום אַלגעמיינעם, ווי צום פרומען ציוניזם. פערוואונדערט און פערשטיינערט זענען מיר גע-

שטאַנען און געקוקט אויף דער דאָזיגער אונגעוועהנליכער ער־
שיינונג: וואָס זאָל דאָס בעדייטען? פאַרוואָס שטעהען די
פוילישע יודען פון דערווייטענס? פאַרוואָס שטעהען יודען,
וואָס זענען מדקדק בכל המצוות, פון דערווייטענס פון דער
גרויסער מצוה, פון דער גרויסער בעוועגונג, פון דער בעוועגונג
פון א ת ח ל ת א ד ג א ו ל ה ? זענען אָבער געקומען די
מלחמה־טעג, טעג פון הרפות און בזיונות, טעג, וואָס זענען
רייך מיט שחיטות און תליות. עס איז געווען א צייט, ווען מיר
זענען איבערגעגעבען געוואָרען יעדען חוליגאַן, ער זאָל
מיט אונז טהון, וואָס ער וויל. און אין דער דאָזיגער שווערער
און ביטערער צייט האָבען אויך אונזערע פוילישע ברידער
זיך ווי עפּיס אויפגעחאַפּט פון זייער לעטאַרגישען שלאָף. זיי
זענען אויפגעשטאַנען און ווי אָבגעטרייסעלט פון זיך דעם גלות־
שטויב, האָבען אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז נישט צוליעב
עסען אַליין לעבט דער מענש, אַז עס זענען פאַראַן אינטע־
רעסען, וואָס שטעהען העכער פאַר'ן אַלטעגליכען לעבען,
ובפרט, ווען זיי האָבען געזעהן, אַז אויך אין'ם אַלטעגליכען
לעבען איז געוואָרען אַנ'אונטערשיעד, און דוקא א גרויסער
אונטערשיעד, צווישען די, וואָס זיצען אויף זייער אייגען לאַנד,
און צווישען די, וואָס ווערען בעטראַכט ווי פרעמדע, וואַלגערן
זיך אויף פרעמדער ערד, צווישען פרעמדע פעלקער. זיי
האָבען געזעהן, אַז פונקט אַזוי ווי זיי, זענען אויך זייערע
שכנים אין מלחמה־יאָהר פעראָרימט און אומגליקליך געוואָ־
רען. ביידע גלייך זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון זייערע
היימען און ביידע גלייך זענען זיי געגאַנגען אין גלות, ביידע
גלייך געוואָרען „היימלאָזע“. איז אָבער געקומען די צייט, און
ביידע זענען געקומען צוריק צו זייערע ערטער, פון וואַנען
זיי זענען פריהער פערטריבען געוואָרען, אָבער — רבש"ע, ווי

גרויס איז דער אונטערשיעד! די שכנים, קומענדיג צוריק, אמת – צו זייערע איינגעפאלענע הייזער, צו זייער חרוב'ער ערד, – איז אבער קיין יאהר נישט אריבער און זיי זענען ווידער געווארען די בעלי-בתים פון דעם לאנד. די ארימסטע צווישען זיי האבען פערדיענט געלד, האבען אנגעקליבען טויזענדער, די ערד האט זיי געגעבען איהר פרוכט און זיי זענען געוואקסען פון טאג צו טאג. און וואס איז פון אונזערע אומגליקליכע היימלאזע געווארען? צרות, הונגער און נויט איז געווארען זייער גורל; די פריהערדיגע רייכע זענען טיעף געזונקען, ביז זיי זענען געקומען צו בעטעל-ברויט.

אין אט דער ביטערער צייט האבען אויך אונזערע פרומע ברידער אין פוילען אנגעהויבען פערשטעהן די נויטיגקייט פון „שיבת עם ישראל לארץ ישראל” און צוליעב דעם דאזיגען צוועק איז אין ווארשא פאר-א-יאהרען געגרינדעט געווארען די פרומע ציוניסטישע פעדעראציע „מזרחי”. אין דער פערהעלטניסמעסיג קורצער צייט האט זיך די פעדעראציע שטארק ענטוויקעלט און כמעט פון גאנץ פוילען, פון פערשיעדענע שטעדט און שטעדטליך, בעקומען מיר ידיעות, אז אויך דארט ווערען געגרינדעט „מזרחי”-פעראיינען, אין וועלכע עס געהען אריין די שענסטע און נכבוד'יגסטע מענשען פון שטאדט, צווישען וועלכע עס געפינען זיך א סך אנגעזעהענע חסיד'ישע טהוער.

מיר זעהען, אלזא, אז נישט אומזיסט האבען מיר גע- ארבייט און אז אונזער ארבייט ברייגנט די נויטיגע פרוכט. פון פיעל שטעדט פון פוילען בעקומען מיר בריעף, מיר זאלען שרייבען, וואס וויל דער ציוניזם בכלל און דער „מזרחי” בפרט, אז מען זאל קומען און אויך דארט גרינדען אגודות, מיר זאלען זיי געבען גענויע אינפארמאציעס, לערנען, וואס זיי

האָבען צו טהון און ווי זיי האָבען זיך צו פיהרען. זעלבסט-פערשטענדליך, ענטפערן מיר באַלד, און מיר גיבען זיך ווי ווייט מעגליך מיה, אַ ביסעל אויפצולעבען דעם גייסט פון אונזערע ברידער, זיי זאָלען זיך, חס וחלילה, נישט מיאש זיין צוליעב די גרויסע צרות, וואָס זענען אויף אונז געקומען; מיר שרייבען טרייסט-בריעף אונזערע אומגליקליכע, אונטער-דריקטע ברידער, זיי זאָלען האָפען אויף בעסערע צייטען, זאָלען האָפען אויף דער גאולה. „דאָס יאָהר פון ערלייזונג איז געקומען און די הילף איז נאָהנט".

און באמת, ווער עס האָט אָפענע אויגען, ווער עס קוקט ווייט, נישט אין זיין קליינעם האָריזאָנט, דער קאָן זעהן, דער קאָן פערשטעהן, אַז השם יתברך האָט זיך פאָרט מרחם גע-ווען אויף זיין פאָלק ישראל, אַז ער האָט ווי חרטה אויף די אַלע צרות, וואָס ער האָט אויף אונז געבראַכט. און, באמת: צי ווילען זיי נישט, אָדער קאָנען זיי נישט פערשטעהן, די, וואָס שטעהען פון דערווייטענס פון דער גרויסער בעוועגונג, דאָס געפיהל פון אונזער פאָטער אין הימעל? אמת, ער איז געווען אויף אונז אין כעס, ער האָט אונז פערטריבען פון זיין הויז, פון זיין לאַנד, האָט אונז צוזייהט און צושפרייט צווישען די פעלקער. צי וויינט ער אָבער נישט גלייך מיט אונז אויפ'ן חורבן פון זיין שטוב, פון זיין לאַנד, פון זיינע קינדער? צי בעהאַלט ער זיך נישט אין חורבות און קלאָגט, ווי אַ פערוואָ-גלעטע טויב: „וועה צום טאַטען, וואָס זיינע קינדער זענען פערטריבען פון זיין טיש"? אַזאַ טאַטע איז, חלילה, נישט אַזאַ שלעכטער, נישט אַזאַ אַכזר, ווי עס שטעלען זיך איהם פאָר אייניגע פון אונזערע פרומע ברידער. ווער עס קען די פסיכאָ-לאָגיע פון אַ פאָטער, וואָס האָט פאַר כעס אַרויסגעטריבען זיין קינד פון זיין שטוב, מיט וואָס פאַר אַ קלאַפענדיג האַרץ ער

וואַרט, אַז דאָס קינד זאָל איהם קומען איבערבעטען, זאָגט ער: ער ווערט נאָך מעהר אויפגערעגט, ווען דאָס קינד קומט נישט אַזוי גיך, — דער קאָן פערשטעהן די שמחה פון אונזער פאָטער אין הימעל, ווען ער זעהט אַז זיינע קינדער, אויף וועלכע ער איז געוועזען אין כעס, וועלכע ער האָט פערטריבען, גיבען זיך אַלע מיה, איהם צו איבערבעטען, וואַלגערן זיך פאַר זיינע פיס, קלאַפּען אין זיין טהיר, קומען אין זיין בעריהמטע לאַנד, קושען זיין ערד. אַזאַ טאַטע מוז אין דאָרף זיך אויף אונז דערבאַרימען און אָהן שום ספק וועט ער זאָגען: ני, עס איז געקומען די צייט, די גוטע צייט, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט אויף איהר. מען מוז זיי, מיינע קינדער, מוחל זיין, מען מוז זאָגען: קינדער, איהר האָט מיך מנצח געווען.

אַזוי האָט 20 יאָהר געאַרבייט די אַלוועלטליכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און אַזוי האָט 15 יאָהר געאַרבייט די אָרטאָדאָקסישע ציוניסטישע פעדעראַציע „מזרחי", אויפציניטען דעם געדריקטען גייסט פון אונזער אונטערדריקט פאָלק און ווענדען זיינע אויגען און געדאַנק צו אונזער הייליג לאַנד. געוואוסט האָבען מיר אָבער, אַז נישט דער מדרש איז דער עיקר, נור די מעשים. ביז איצט האָבען מיר געטהון אונזער חוב, קומענדיג צום פאָלק בדברי נחמה, שטאַרקען זיין גייסט, עס זאָל ביי זיך נישט אַראָפּפאַלען. מיר זענען אָבער אויך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז שוין צייט אָנהויבען צו טהון עפּים פּראַקטישעס, ד. ה., צו קויפען ערד אין ארץ־ישראל, וואָס סוף־כל־סוף איז דאָך דאָס אונזער ענדציעל, און צוליעב דעם צוועק האָבען מיר געגרינדעט ביים „מזרחי" אַ חברה „נ ח ל ת א ב ו ת", וו אָ ס א י ה ר צ ו ו ע ק אִ י ז צ ו פ ע ר ג ר ע ס ע ר ן ד ע ם י ו ד י ש ע ן י ש ו ב

אין ארץ-ישראל דורך אונזערע פרומע ברידער.

די תקנות פון דער חברה זענען פאָלגענדע:

בעה"ש הבוחר בציון.

מיר, אונטערגעשריבענע, גרינדען אַ חברה מיט'ן נאָמען „נחלת אבות".

א) אַלס אַ חבר אין „נחלת אבות" ווערט אָנגענומען יעדער פרומער יוד, וואָס וויל זיך בעזעצען אין ארץ-ישראל.

ב) דאָס ציעל פון דער געזעלשאַפט איז צו גרינדען קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל.

ג) די קאָלאָניעס וועלען ווערען געגרינדעט אין יהודה אָדער אין גליל, ווי וויט מעגליך נאָהנט נעבען שטעדט און דאָרט, וואו עס איז גרינג צו בעקומען וואַסער.

ד) די ערד וועט געקויפט ווערען אויף איין אָרט. אַ טייל ערד ווערט אָבגעטיילט אויף בויען די קאָלאָניע (קהל'שע געביידעס, גרויסע שטאָדטישע פלעצער, גאַסען, שטאָדט-גערטנער א. אַ. וו.). דאָס איבריגע ווערט צוטיילט צווישען די חברים.

ה) יעדע קאָלאָניע ווערט צוטיילט אויף דריי-ערליי חלקים: א) נחלת שדה וכרם; ב) נחלת-בית; ג) שכונת פועלים.

נחלת שדה וכרם:

ו) די צאָהל חברים איז נישט ווייניגער ווי 100.

ז) יעדער חבר בעקומט פון 100 ביז 120 דונאַם ערד (אונגעפעהר 20 מאָרג). דערפון בלייבט 10 דונאַם אין דער שטאָדט (קאָלאָניע) צו בויען פאַר זיך אַ שטוב און אַ גאָרטען אַרום שטוב, דאָס איבריגע – אויסער דער שטאָדט

ח) דער טײַל ערד דאַרף קאָסטען לערך 5,000 מאַרק. (אויסער דער אויבענדערמאָהנטער סומע דאַרף יעדער חבר האָבען נאָך אַ 10—12 טויזענד מאַרק אויף בויען און אינווענטאַר-אײַנקויף: קיה, פערד, עופות א. ד. גל.).

ט) די קאָלאָניע וועט זײַן פערשיעדענאַרטיג – תבואה, גרינס, פיה און געפליגעל-צוכט.

י) יעדער חבר האָט דאָס רעכט צו קויפען אײניגע חלקים, סײַ אין „נחלת שדה וכרם", סײַ אין „נחלת בית".

אָנמערקונג: אין פאַל, ווען דער ערד-שטח פון „נחלת שדה וכרם" איז בעגרענצט אויף אַזוי פיעל, אַז אויף יעדען חבר קומט-אויס נור צו אײן טײַל, ווערט דער דאָזיגער פאַראַגראַף בטל.

נחלת בית:

י"א) די צאָהל חברים איז אונבעגרענצט.

י"ב) יעדער חבר בעקומט 5 דונאַם ערד לערך פאַר 750 מאַרק (אויף צו בויען אַ הויז און פערפלאַנצען אַרום הויז אַ גאָרטען).

י"ג) יעדער חבר האָט דאָס רעכט צו קויפען נור 2 חלקים אין „נחלת בית".

שכונת פועלים:

י"ד) אויף יעדע 100 חברים אין „נ. ש. וכרם" ווערען אָנגענומען 40 חברים פון „שכונת-פועלים".

ט"ו) יעדער חבר בעקומט פון 15 ביז 20 דונאַם ערד, וואָס וועט איהם קאָסטען אונגעפעהר 1,000 מאַרק.

ט"ז) יעדער חבר פון „שכונת-פועלים" איז פערפליכטעט צו אַרבײַטען אין דער מושבה „נחלת שדה וכרם" אַלס טאָג-אַרבײַטער.

י"ז) יעדער חבר האָט דאָס רעכט צו קויפען נור איין טייל.

י"ח) יעדער חבר פון „נחלת־אָבות" איז פערפליכטעט צו נעבען האנד־געלד אויף יעדען חלק אזוי:

1. „נחלת שדה וכרם" 250 מאַרק,
2. „נחלת בית" 62,50 מאַרק,
3. „שכונת־פועלים" 50 מאַרק,

י"ט) דאָס האַנד-געלד, ווי אויך אַנדערע געלדער, וואָס וועלען זיין נויטיג, ניט דער חבר געגען אַ קוויט, אונטערגעשריבען דורכ'ן פאָרזיצענדען און קאַסיר.

כ) דער „ועד" איז פערפליכטעט איינצולעגען דאָס געלד אין אַ באַנק, אויפ'ן נאָמען פון פינף חברים; ביים אָבנעהמען ווענען געגוג דריי חברים.

כ"א) ווען „נחלת־אָבות" וועט צעהלען 30 מיטגליעדער, קלויבט מען אַ ועד פון 7 חברים אויף צו פיהרען די אגודה-אַרבייט. דער „ועד" קאָנסטיטואירט זיך אויף פאָלגענדען אופן: פאָרזיצענדער, וויצע־פאָרזיצענדער, סעקרעטאַר, קאַסיר און דריי ועד־חברים.

כ"ב) אַ נייער חבר ווערט אָנגענומען לויט'ן בעשלוס פון „ועד" און דורך דער רעקאָמענדאַציע פון צוויי מיטגליעדער.

כ"ג) דאָס אויסשליסען אַ נישט־געווינשטען חבר קומט־פאָר לויט'ן הסכם פון צוויי דריטעל חברים.

כ"ד) אַלע חברים האָבען גלייכעס שטים־רעכט, אָהן אונטערשיעד פון דער צאָהל חלקים.

כ"ה) חברים, וואָס קויפען איין טייל בשותפות, האָבען נור איין שטים, מיט וועלכער עס שאַפט זיך דורך זיי אַן אויסגעקליבענער פאָרשטעהער.

כ"ו) בײַ דער ערשטער מעגליכקײַט צו קױפֿען ערד אין ארץ-ישראל װערן אַלע חברים שריפֿטליך אױפֿגעפֿאָדערט דורכ'ן „ועד" אײַנצוצאָהלען די סומע, װאָס קומט פֿון יעדערן, לױט דער צאָהל חלקים.

אין פֿאַל, װען עמיצער פֿון די חברים װעט אין פֿערלױף פֿון דרײַ חדשים די געפֿאָדערטע סומע נישט אײַנצאָהלען, נישט פֿערשטענדיגענדיג זיך װעגען דעם מיט'ן „ועד", האָט דער לעצטער דאָס רעכט איהם פֿון דער אגודה אױסצושליסען און פֿערהאַלטען זײַן האַנד-געלד לטובת דער אגודה.

כ"ז) אױב בײַ אַ חבר, װאָס האָט געגעבען האַנד-געלד אױף עטליכע חלקים ערד, האָט זיך אַרױסגעװיזען, אַז בשעת'ן ערד-קױף איז ער אימשטאַנד נור אײן חלק צו קױפֿען, װערט דאָס גאַנצע האַנד-געלד איבערגעטראָגען אױף דעם דאָזיגען טײל.

כ"ח) דער „ועד" דאַרף קומען אין פֿערבינדונג מיט געװעלשאַפֿטען און פּריװאַט-פּערזאָנען, װאָס בעשעפֿטיגען זיך מיט קױפֿען ערד אין ארץ-ישראל, און בײַ דער ערשטער מעגליכקײַט דעלעגירען קײן ארץ-ישראל דרײַ חברים, װעלכע מוזען װערען אױסגעקליבען דורך אַ מעהרהײַט, צו בעזעהן דאָס לאַנד, פֿיהרען אונטערהאַנדלונגען א. ד. גל. די דעלעגירטע חברים גיבען-אָב װעגען אַלץ אַ בעריכט דעם „ועד", װעלכער רופֿט-צונױף אַן'אַלגעמײנע פֿערזאַמלונג אױף צו בעשליסען ענדגילטיג, צי קױפֿען די ערד אָדער נישט.

כ"ט) נאָכ'ן קױפֿען די ערד װערט דורכן „ועד" געגרינדעט אַ קאָמיסיע פֿון אינזשענערען און פֿאַכלײַט, װאָס אַרבײַט אױס דעם קאָלאָניע-פּלאַן — גאַסען, װעגען, קהל'שע געבײַדעס, שטאָדט-גערטנער, בױ-פּלעצער פֿאַר די קאָלאָניסטען א. אַ. װ., לױט דער לעצטער מאָדערנער טעכניק.

ל) די ערשטע חברים, וועלכע בעזעצען זיך אין דער קאָלאָניע, גרינדען אַ צײַטווײַליגען קאָמיטעט (מיט דער הסכמה פון וואַרשאָווער „ועד״), וועלכער פערנעהמט זיך מיט די אָרטיגע ענינים.

ווען די קאָלאָניע פערמאָגט שוין 30 חברים, ווערט גע־קליבען אַ נײַער שטענדיגער „ועד״, וועלכער איז אויך אָבּ־הענגיג פון׳ם וואַרשאָווער קאָמיטעט.

ל״א) ווען אַ מעהרהײַט חברים פון „נחלת שדה וכרם״ (פון איין קאָלאָניע) געפינט זיך שוין אויפ׳ן אָרט אין ארץ-ישראל, גרינדען זיי אַ זעלבסטשטענדיגען „ועד״, וועלכער איז שוין נישט ·אונטערגעוואָרפען דעם וואַרשאָווער קאָמיטעט (דאָס קאָן געשעהן בלויז מיט דער איינשטימונג פון די חברים, וועלכע זענען נאָך פערבליבען אין חוץ־לארץ).

ל״ב) די חברים, וועלכע בעזעצען זיך פריהער, האָבּען דעם פאָרצוג זיך אַליין אויסצוקלויבען דעם בוי-פלאַץ. די שפּעטער־אָנגעקומענע חברים מוזען זיך בעזעצען נעבּען זיי. אין פאַל, אויב עס קומען-אָן עטליכע חברים אויף אַמאָל, ווע־רען די בוי־פּלעצער צוטײַלט לויט אַ גורל.

ל״ג) די ערד-טײַלען ווערען צוטײַלט לויט אַ גורל.

די חברים, וועלכע האָבּען געקויפט איינציגע טײַלען אין „נחלת־בית״ אָדער אין „נ. ש. וכ.״, האָבּען דאָס רעכט צו פערלאַנגען, אַז זייערע טײַלען זאָלען זיין אויף איין אָרט (נאַ־טירליך, אויך לויט אַ גורל צום אַלגעמיינעם פלאַץ).

ל״ד) די פּלענער פון די הײַזער מוזען זיין בעשטעטיגט דורכ׳ן „ועד המושבה״.

ל״ה) די גרינדונג פון פאַבריקען, געשעפטען און אַנ־דערע אונטערנעהמונגען קאָן געשעהן בלויז מיט דער ערלויב־ניש פון׳ם „ועד המושבה״.

—

ל"ו) יעדער חבר איז פערפליכטעט צו בעארבייטען זיין ערד־טייל אליין, אדער דורך א בעפאלמעכטיגטען.

אויב אין משך פון צוויי יאהר ווערט דאס נישט געטהון, האט דער „ועד" דאס רעכט, איהם דערצו צו נויטען דורך:

1. ארויפלעגען עקסטרא-שטייערן אויף איהם;

2. פערדינגען זיין חלק אדער חלקים א צווייטען;

3. פערקויפען א טייל און מיט'ן בעקומענעם געלד בעארבייטען די איבערגעבליבענע טיילען, און

4. אפילו זיין גאנצען חלק פערקויפען.

ל"ז) קיין חבר האט נישט דאס רעכט צו פערקויפען זיין טייל אהן דעם הסכם פון „ועד". פארצוג האט דער „ועד" און א בר-מצרה.

ל"ח) אלע חברים ווערען גלייך בעשטייערט, לויט דער צאהל חלקים.

אויף אלע קהל'שע בעדערפנישען און געביידעס (ביה"כ, בה"מ, ת"ת, בה"ס, מקואות א. ד. גל.) צאהלען גלייכע שטייערן אויך די חברים, וועלכע זענען געבליבען אין חו"ל.

די חברים פון „נחלת-בית" צאהלען דיזעלבע שטייערן, וואס די חברים פון „נ. ש. וכ."

די חברים פון „שכונת־פועלים" פערגרינגערט דער „ועד" די צאהלונגען.

ל"ט) אלע ארבייטען אין דער קאלאניע ווערען געטהון נ ו ר דורך יודישע ארבייטער.

מ) דער „ועד" האט דאס רעכט = א נישט-געווינשטען חבר אויסצושליסען פון דער קאלאניע.

מ"א) אלערליי סכסוכים, סיי צווישען די חברים גופא, סיי צווישען די חברים און דעם „ועד", ווערען ערלעדיגט דורך א שיעדס-געריכט.

מ"ב) אַרויסטרעטען פון דער אגודה האָט אַ חבר דאָס רעכט, אויב:

1. ס'וענען שוין אַריבער דריי יאָהר זינט ס'איז מעגליך געווען די ערד איינצוקויפען און דאָס איז נישט געטהון געװאָרען, אָדער

2. אויב שוין זעקס חדשים, ווי דער חבר וואוינט אין ארץ-ישראל (ביי נאָרמאַלע בעדינגונגען) און דער „ועד" האָט נאָך קיין ערד נישט געקויפט.

מ"ג) דער וואַרשאָוער „ועד" קומט זיך צונויף יעדען חודש, דאָס פּרעזידיום — וועכענטליך, אַנ'אַלגעמיינע פערזאַמלונג — יעהרליך.

ווען די צאָהל חברים דערגרייכט 100, ווערט דורך אַנ'אַלגעמיינער פערזאַמלונג געקליבען אַ נייער „ועד".

דער „ועד" האָט דאָס רעכט צו יעדער צייט צונויפרופען אַנ'אַלגעמיינע פערזאַמלונג.

אויך אַ חברים-מעהרהייט האָט דאָס רעכט צונויפצורופען אַנ'אַלגעמיינע פערזאַמלונג פאַר'ן בעשטימטען טערמין, וועגען וואָס זי דאַרף שריפטליך מודיע זיין דעם „ועד".

און צו אייך, גדולי התורה והיראה, צו אייך, יודישע פאַסטוכער און אונזערע פיהרער, רופען מיר: שטעלט זיך בראש פון דער הייליגער בעוועגונג, ווייל באמת פּאַסט דאָס פאַר אייך!

אפשר איז געקומען די צייט, איהר זאָלט ערשט רופען עזרא'ס גרויסען רוף: ווער פון אייך, פון דעם פאָלק, זאָל גאָט זיין מיט איהם, זאָל אויפגעהן (קיין ארץ-ישראל).

די, וואָס וועלען זיך אָפּרופען אויף דעם מעכטיגען רוף,

אויף די וועלען קומען אַלע ברכות = ברכות פון א פערוואָ-
נעלטען טאַטען, וואָס זײַנע קינדער קומען צוריק צו איהם,
און זיי וועלען זוכה־זײַן אין גיכען צו זעהן בנחמת ציון
וירושלים! אמן!